Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען. | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 123 | Łódź, Wtorek, 27 maja 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כט אייר תר״ץ | № 123

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אינזש. טשערניאקאוו געוועהלט אלס סענאטאר

ל וּ צ ק, 26. (טעלעפאניש) אין די וואהלען צום סענאט האבען געשטימט פון 506.407 וואהל בע־רעכטיגטע 112.330 מאן ד. ה. 23 פראצ. די גרעסטע צאהל שטימען — 38082 — האט בעקומען די אוק־ראינישע ראדיקאל סאציאליסטישע פארטיי (ליסטע 22) און האט בעקומען 2 מאנדאטען. דער בלאק פון די נאציאנאלע מינדערהייטען (ליסטע 18) האט בע־קומען 33,327 שטימען און 2 מאנדאטען, געוועהלט זענען געווארען אלעקסאנדער לעוויטשאניוסקי און אינזש. אברהם טשערניאקאוו. דעם 5. מאנדאט האט בעקומען די ליסטע פון סעלראב (נומער 36) מיט 27,466 שטימען.

בעת די פאריגע וואהלען האט די סאנאציע ליסטע בעקומען 4 מאנדאטען, איצט זענען די מאנ־דאטען פערטיילט געווארען צווישען די אוקראינישע סאציאליסטען און דעם מינדערהייטס־בלאק.

## רעזולטאטען פון די סיים־וואהלען אין לידער קרייז

לידא, 26. (טעלעפאניש) בעת די וואהלען צום סיים האבען פון 321,255 וואהל־בערעכטיגטע געשטימט 99,109. פ.פ.ס. ליסטע נומער 2 האט בעקומען 2912 שט.; ווידזאלעניע 5120 שטימען; פויערים־פארטיי — 39,652 שט.; מינדערהייטס־בלאק (נומער 18) 5546 שט.; כ.ד. — 17,621 שט. ווייסרוסישע הראמאדע 24,591 שט. קאנדידאטען האבען בעקומען: פויערים־פארטיי — 4; ווייסרוסען — 2 און כ. ד. — 1.

## געוו. מיניסטער גליוויץ פאהרט נאך א הלואה קיין אמעריקא

וואַרשא, 26. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) וויצע סענאט מארשאלעק גליוויץ איז ארויסגעפאהרען קיין אמעריקא, דארט וועט ער פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט אמעריקאנער באנק קאנצערנע וועגען א הלואה פאר פוילען.

## ארעסטירט א פ.פ.ס.־לאווניק פאר אויסרופען אין דער אנוועזענהייט פון מלוכה־פרעזידענט

וואַרשא 26. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) בעת הערר מלוכה־פרעזידענט איז אנוועזענד געווען אין מאקאוו און האט אויפ׳ן מארק פלאץ אויפגענומען פערשידענע דעלעגאציעס האט דער לאווניק פיאטראווסקי (פ.פ.ס.) אויסגעשריגען: גענוג מיט דער דיקטאטור, זאל לעבען דער סיים, זאל לעבען דעמאקראטיע. פיאטראווסקי איז באלד פערהאלטען געווארען. דער המון האט איהם אויס־געשלאגען, און מ׳האט איהם געמוזט מונטערען. א געשמירטע און קייטען האט מען איהם אפגע־פיהרט אין טורמע.

קופאן 10

1-טע סעריע

גרויסער פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט"

צושטעלען בלויז 10 קופאנען

שנייד אוים דעם קופאן!

Ciechocinek

וולאצלאווסקא גאס

„Wiktorja" ווילא

Dr. med. W. ŁASKI

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

נעמט אן פון 5-טען יוני 1930

בעקאנטמאכונג.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, אז די בעקאנטע

ווארשאווער הורטאווניע פון פעלץ-ווארען

G. OFENGENDEN

ערעפענט מיט׳ן היינטיגען טאג אן׳אבטיילונג אין לאדז

אויף זאוואדזקא 1, פריהער (שייבלער׳ס הויז)

טעלעפאן 191-05

און עמפפעהלט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע פעלצען פון ערשטקלאסיגער קוואליטעט צו הורט-פרייזען.

בעמערקונג: בלויע און זילבערנע פוססען שטענדיג אויף לאגער

הורט! דעטייל!

אין היינטיגען נומער

געפונען די לעזער

דעם 10. קופאן

צו דער ערשטער סעריע

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט"

די קופאנעס וועלען אנגענומען ווע־רען אין דער אדמיניסטראציע היינט, דינסטאג, מארגען, מיטוואך און איבערמארגען דאנערשטאג.

די קופאנעס דארף מען אריינלעגען אין קאנווערטען אויף וועלכע ס׳דארף זיין אויסגעשריבען דער נאמען, פאמי־ליען און אדרעס פון זאמלער.

אין מארגענדיגען נומער וועט שוין זיין געדרוקט די ערשטע רשימה פון די זוכה בגורל אינ׳ם קאנקורס.

פאר די לעזער, וועלכע עס פעהלען איינער אדער מעהר קופאנעס, וועט אין מארגענדיגען נומער געדרוקט זיין א צוגאב-קופאן.

די צווייטע סעריע

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס

וועט זיך אנהויבען

אין פרייטאג-נומער פון

„נייעם פאלקסבלאט"

Dr. Donchin

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאניושקי 1, טעל. 209-97

נעמט אן פון 9–1 מיטאג און פון 4–7 אווענד.

א מעבלירט צימער

אין צענטרום שטאט מיט א בעזונדערען איינגאנג,

ווערט געזוכט

צו דינגען פון זאפארט.

אפערטען אין אדמ. אונטער ליטערע „R" 7078

DR. MED.

L. Pikielny

אוראלאג

ספעציאל-ארצט פאר נירן, בלאז און אורין-קראנקייט

8 NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעהמט אן פון 4–7 אווענד.

את רגשי השתתפותנו החמה הננו מביעים לחבר הועד של ההסתדרות הציונית בלודז מר בנימין גוטער לרגלי האסון הגדול שקרהו במות עליו

אשתו ז״ל

בעבודתו למען בנין ארץ ישראל ימצא את נחומיו!

ועד ההסתדרות הציונית

ועד „קרן היסוד"

ועדת „קרן הקימת לישראל"

7072

צו דער עפענטליכקייט!

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אנאנס פון בלעכער און דעקער צעך אין „נייעם פאלקסבלאט" פון 18/5 ד. י. וועגען דער בע־ליידיגונג פון מיין אנגעשטעלטען שליפקאוויטש אויפ׳ן בלע־כער און דעקער-צעך זאוואדזקא 4 אין דער פערזאן פון סטארשע ה׳ סענדעראוויטש, ערקלער איך, אז ער האט קיין רעכט נישט געהאט ארויסצוטרעטען אין מיין נאמען, ווייל איך געפון מיך אין די בעסטע בעציהונגען מיט׳ן דערמאהנטען בלע־כער און דעקער-צעך.

מיט אכטונג

מ. י. שארף, דאך-פאפע-פאבריק

דערמיט ציה איך צוריק מיין בעליידיגונג געגען סטארשע פון בלעכער און דעקער-צעך, זאוואדזקא 4 ה׳ סענדעראוויטש און בעט ביי איהם ענטשולדיגונג, פערזיכערנדיג, אז אזעלכעס וועט זיך מעהר נישט ווידערהאלען. אלס צייכען פון חרטה שפענד איך 100 זל. לטובת דעם דערמאהנטען צעך.

מיט אכטונג שליפקאוויטש.

7069

אנאנסן אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

7-קלאסיגע שולע און פרעבלשולע פון די רענאמירטע ערציהונגס-אנשטאלט

קאצענעלזאן-נאחומאב

8 נאר לודקא 8 (צווישען נאוואמיעסקא און וסכאדניא)

טעלעפאן 177-01 (פון 11 ביז 2)

קינדער אין שול-צוואנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאהר ווערען אנ־גענומען אין די קלאסען: A, B, C, I, II, III, IV

אין פארבערייטונגס-קלאס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 7-5½ יאהר. אין די פרעבל-שולע (שפיל-שולע) קינדער פון 3-7 י.

חוץ דעם אלגעמיינעם שול-פראגראם, קענען די ארטאדאקסישע קינדער גענים פון נאכמיטאג-חדר וואו ס׳ווירד בעלערנט גרונדליך אלע למודי-קודש, דהיינו: חומש, רש״י, נ״ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים-ספעציאליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר׳ יעקב בנימין קאצענעלזאן

בעמ.: די צאהל שעה׳ען, ווי אויך מלמדים פאר למודי-קודש זענען היי-יאהר בעדייטענד פערגרעסערט.

פאר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פאר אונבעמיטעלטע עגזיסטירט א

נאכמיטאג שולע | ביז 50% בילינער | נאכמיטאג

נאכמיטאג חדר | | פ עבלשולע

